וועטער:
קלאר און מילד

זון אויפגאנג — 8.5
זון אונטערגאנג — 4.29

**Largest Circulation**
of any Newspaper entering Jewish
Homes in Western Canada.

# דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

**The Israelite Daily Press**

מער פארשפרייט
אין די אידישע היימען פון מערב קאנאדע
ווי אלע אנדערע אידישע און ענגלישע
צייטונגען צוזאמען

Vol. 21, No. 268. Wednesday Dec. 2, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך כב כסלו, תרצ"ב.

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

# דייטשע רעגירונג קריגט דיקטאטאָרישע עקאָנאָמישע מאכט

### פרעזידענטס דעקרעט גיט קאנצלער ברונינגן פולע מאכט צו העכערן טאריפן און צו שליסן צייטווייליקע האנדלס אפמאכן. — פולמאכט גילטיק ביז פעברואר 23טן, ווען רייכסטאג סעסיע עפנט זיך

בערלין, דעצ. 2. — א דרינגנדיקער דעקרעט וואס גיט דער רעגירונג פאקטיש אומבאשריינקטע דיקטאטארישע מאכט צו העכערן די טאריפן, איז נעכטן אונטערגעשריבן געווארן פון פרעזידענט פאן הינדענבורג.

די רעגירונג איז באפולמעכטיקט צו באנוצן זיך מיט איר נייער מאכט אין פאלן פון "נאציאנאלער דרינגלאכקייט". דער דעקרעט איז זייער קורץ, און לויטעט:

"די רעגירונג איז באפולמעכטיקט אינם משך פון דעם רייכסטאגס וואקאציע, אין פאלן פון דרינגנדיקער עקאנאמישער נויטווענדיקייט: — 1. ענדערן די עקזיסטירנדיקע אימפארט טאריפן; 2. צו שליסן צייטווייליקע האנדעלס אפמאכן מיט פרעמדע לענדער".

דער לעצטער פונקט, גלויבט מען, איז איינגעשלאסן געווארן כדי צו דערמעגלאכן די רעגירונג צו פארהאנדלען טאריף פראגן מיט ענגלאנד.

דער רעגירונגס פולמאכט האלט אן ביז דער סעסיע פונם פארלאמענט, וואס עפנט זיך פעברואר 23טן.

פאריז, דעצ. 2. — די רייזע פונם פראנצויזישן פינאנץ-מיניסטער, מ. פלאנדערן, קיין לאנדאן, ווערט דא באהויפטעט, איז געצילט צו פארהאנדלען וועגן דער שאפונג פון אן עקספערטן קאמיסיע פאר דער שטודירונג פון אינטערנאציאנאלע האנדלס באציאונגען, ספּעציעל אין פארבינדונג מיט ענגלאנדס נייע טאריפן.

א סעמי-אפיציעלער קאמוניקאט לויטעט, אז פראנצויזיש-בריטישע פארהאנדלונגען וועלן זיך ווארשיינלאך אנפאנגען קומענדיקן מאנטאג אין לאנדאן.

—(::)—

## פאטער אנגעקלאגט אין דערמארדן זיין אייגן קינד

קעמפבעלפארד, אנט., דעצ. 1. — יו גרינשילדס, 36 יאר, א וועטעראן פון דער גרויסער מלחמה, איז ארעסטירט געווארן און ווערט אנגעקלאגט אין דערמארדן זיין אייגענעם זון, וויליאם, פיר יאר אלט.

מרס. גרינשילד האט צוריקקערנדיק זיך אהיים פון דער ארבעט געפונען איר קליינעם זון וויליאם א צעשלאגענעם מיט א שטעקן אויף טויט. איר עלטערער זון, וואלטער, איז אויך געווען צעשלאגן, אבער מען האט אים גלייך אפגעפירט אין שפיטאל, וואו ס'איז געלונגען צו רעטן זיין לעבן. גרינשילדס איז געווען אין אן אנדער צימער אין הויז, און ער איז שפעטער ארעסטירט געווארן.

## אנב-אורחא

### פון מארק

### ווען מען שלאגט אידן

איר ווייסט, — אידן קאן מען אנטאן אלערליי נגישות, און גארנישט: אידן ליידן און שווייגן. מען מורמלט אונטער א ביסל, אבער קיין באזונדערס גרויסן וועזן מאכט מען ניט: מען איז ברוך-השם געוויינט געווארן.

אבער פשוט נעמען און שלאגן אידן, — דאס, זעט איר, איז שוין אן אנדער עסק. אויף עשיו'ס ידים ענטפערן אידן אלעמאל מיט יעקב'ס קול.

אט פירט פוילן אן כסדר אן אויסראטונגס פאליטיק קעגן אידן, גלויבט מיר, אז זי איז א סך בארבארישער און טויטלאכער, ווי די עטלאכע פאגראמטשיקלאך וואס די ענדעקישע סטודענטן האבן דורכגעפירט איבערן לאנד.

האבן אידן אבער געשוויגן, — ר. ה., די פוילישע אידן האבן געזיפצט, אביסל פראטעסטירט, — שטארק שרייען האבן זיי אייגנטלאך קיין כח ניט געהאט. די אויסלענדישע אידן אבער — גלייך ווי די גאנצע געשיכטע וואלט זיי ווייניק אנגעגאנגען.

אבער אז מען האט אנגעהויבן שלאגן, האבן די אידן פון גאר דער וועלט דערפילט דעם וויטיק, און זיי זיינען אויפגעציטערט געווארן.

און אפשר קומט נאך א דאנק די פאגראמטשיקעס: א דאנק דעם שטאך מיט א מעסער אין זייט, האט מען דערפילט די מיליאנען טויטלאכע שטאכן מיט נאדלען, — וואס צוזאמען זיינען זיי געפערלאכער, ווי די איינציקע מעסער שטאכן.

א דאנק די פאגראמען, האט מען שוין אויך דערפילט דעם פערמאנענטן עקאנאמישן פאגראם אויף אידן אין פוילן, און דער "קול יעקב" האט זיך שוין אויף דעם אויך אפגערופן, — וויפל ער קאן שוין העלפן!

* * *

עס איז געווען א מערקווירדיקע דערשיינונג, די פראטעסט פארזאמלונג זונטאג אוונט.

איר ווייסט, ווי ס'איז שווער צוזאמענצוקלייבן דא א גרויסע אידישע מאסן-פארזאמלונג אפילו מיט גרויסע נעמען, גרויסע פראגראמען און גרויסע צוזאגן, אפילו ווען זיי ווערן רעקלאמירט וואכן לאנג.

און דא — א נאטיץ בלויז אין "דאס אידישע ווארט", אן עדיטאריעל אין דער צייטונג מיט א טאג-צוויי פריער, — אין דער גרויסער תלמוד תורה זאל איז איבערגעפילט ביז די ברעגן, און הונדערטער און הונדערטער מענשן מוזן גיין צוריק צוליב מאנגל אין פלאץ.

און אן עולם פון אלע טיילן פון שטאט: דאס הארץ פונם סאוט-ענדער אידן איז פונקט אזוי גערירט געווארן ווי פונם נארט-ענדער; און אלע עלטערע פארטראטן, — מענער, פרויען, בחורים, מיידלאך און אפילו קינדער.

מיט מיין גאנצער אכטונג צו די חשוב'ע רעדנער, איז אבער דער טויזנט קעפיקער עולם געקומען ניט צו הערן זיי: אט, אדרבא, זאלן זיי פאררופן אזא מאסן-פארזאמלונג וועגן וועלכן ס'איז אנדער ענין.

ס'איז געווען א געפיל פון נאציאנאלער אחריות וואס האט דעם עולם צונויפגעבראכט.

— מען האט געשלאגן אידן, און די וויניפעגער אידן האבן אויך דערפילט דעם וויטיק!

* * *

און אט האט איר נאך א זאך:

איר ווייסט מן-הסתם פון אייגענער דערפארונג, ווי ס'איז שווער צו האלטן אין ארדענונג אן עולם, וואס שטייט אומבאקוועם אין אן איבערגעפאקטן זאל.

און איר ווייסט מסתמא, אז אידן, איז א אידישן פלאץ (אין א גויישן איז אנדערש), איז שווערער צו האלטן אין ארדענונג, ווי וועמען ס'איז אנדערש.

און דא זיינען מענשן געהאנגען כמעט אין דער לופטן, אזוי ענג און הייס איז עס געווען. און די רעדנערס זיינען אויך ניט אלע געווען די סאמע מבוחר'דיקסטע פון די בעסטע.

אבער דאך זאל זיך עס הערן א שארף. זאל עס אימעצער שטערן די רעדנער מיט שמועסן צווישן זיך. אלע זעקס זיבן רעדעס זיינען אויסגעהערט געווארן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, און ס'איז פאקטיש ניט נויטיק געווען פארן פארזיצער צו האלטן ארדענונג. אויב ער האט יא געמאכט עטלאכע באמערקונגען וועגן ארדענונג, איז עס מער געווען פון געוויינהייט.

יעדער איינער, ווי אומבאקוועם ס'איז אים געווען צו שטיין אין דער איינגעשפאט, האבן אבער געפילט א גרויסע אחריות אויף זיך: מען שלאגט דאך אידן, דארף מען זיי זעען העלפן, מיט וואס מען קאן, און ס'איז אן סכנות. אז מען וועט זיך פילן אומבאקוועם אן אנדערהאלבן אדער צוויי שעה.

* * *

אנב זאל דאס אלץ דינען פאר א באווייז, אז עס פעלט אונז נאך ניט אינגאנצן דער געפיל פאר דיסציפלין.

ס'איז בלויז נויטיק צו דערוועקן דעם געפיל פאר נאציאנאלער אחריות, און דאן קומט שוין די דיסציפלין.

דא איז דער געפיל דערוועקט געווארן, און דערפאר זיינען געקומען אזוי פיל עולם און דערפאר האט מען זיך געהאלטן אין אזא מוסטערהאפטער ארדענונג אונטער די ערגסטע באדינגונגען, בעת אפט איז שווער צו האלטן ארדענונג אויף א געוויינלאכער אידישער פארזאמלונג אפילו מיט דער הילף פון א פארזיצערס האמער.

וואס עס פעלט אונז אמייסטן איז אחדות. — אבער אז מען שלאגט אידן, — איז דאס טאקע די איינציקע זאך וואס שאפט ביי אונז אויף א מינוט אחדות, און בכלל אויך דיסציפלין.

לוידער איז עס לעצטנס געווארן אזא אפטע דערשיינונג, דאס שלאגן אידן, אז אדער מיר וועלן באלד האבן לויטער אחדות, אדער מיר וועלן זיך צו די הכאות אויך צוגעוויינען, ווי צו אלע אנדערע רדיפות...

## באוואוסטער וויניפעגער פילאנטראפ פלוצלונג געשטארבן נעכטן, גייענדיק אין גאס

### האט אוועקגעגעבן זעקס מיליאן דאלאר אויף צדקה, איינשליסנדיק 25 טויזנט דאלאר פאר אידישן בית יתומים און מושב זקנים, מיט איניקע יארן צוריק

א. ר. מעקניקאל

ענדריו ר. מעקניקאל, פרעזידענט פון ר. א. מעקניקאל, לימיטעד, איז נעכטן געשטארבן פון א הארץ אטאקע. גייענדיק אויף פארטעדזש עוועניו, ארום דער באנק אף נאווא סקאשיא געביידע, אויפן וועג צו זיין אפיס 9.30 אינדערפרי, איז ער אומגעפאלן. ער איז אריינגעטראגן געווארן אין דער באנק געביידע אין א קריטישן צושטאנד. ער איז אבער נאך געווען ביי זיין פארשטאנד און ער האט געבעטן מען זאל אים אפפירן אין זיין וואוינונג אין פארט גערי האטעל, אבער אידער מען האט אים צוגעפירט צום האטעל איז ער געווען טויט.

מר. מעקניקאל איז געבארן געווארן אויף א פארם אין אנטעריא אין די שפעטע פופציקער יארן. ווען ער איז געקומען קיין וויניפעג האט ער דא אנגעפאנגען א ריל עסטייט און אינשורענס געשעפט. אין פארלויף פון די פארגאנגענע פינף יאר האט ער אוועקגעשיינקט שערס אינם ווערט פון ארום זעקס מיליאן דאלאר צו וויניפעגער אינסטיטוציעס צווישן וועלכע עס האבן אויך גענאסן דער וויניפעגער אידישער בית-יתומים און מושב זקנים, צו $25,000.

דער פארשטארבענער איז געווען איינער פון די אנגעזעענסטע פערזאנען צווישן פינאנסירן און אין סאסייטי. ער איז געווען ניט פארהייראט.

## געזאנג פאראיין, זארא ווידמאן און גענזער טריאָ ביי ראדיא שעה פון ד. א. וו. זונטאג

די ערשטע אידישע הויך-קלאסיקע ראדיא שעה אין מערב קאנאדע וועט געהערט ווערן פון דער סי. קיי. ווי., וויניפעג, דעם קומענדיקן זונטאג, דעצ. 6טן, 12.45 נ.מ., סענטראל טיים, אראנזשירט פון "דאס אידישע ווארט".

דער אידישער געזאנגס פאראיין אין א חנוכה פראגראם; מרס. זארא ווידמאן (זאנגראבעלנא), סאפראנא, אין אידישע לידער, און די גענזער טריא אין אידישער מוזיק, וועלן פארפילן דאס רייכע פראגראם. ה. י. ווילדער, פרעזידענט פון "דאס אידישע ווארט", וועט געבן א קורצן שמועס מיט די צוהערער.

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די צוהערער, אז פארן דערפאלג פון אונזער ראדיא שעה איז זייער וויכטיק, אז די וואס ווילן איר פארזעצונג זאלן שרייבן, טעלעפאנירן אדער טעלעגראפירן צו דער סי. קיי. ווי., וויניפעג, וועגן דעם, און וואס מער אזעלכע פארדערונגען וועלן קומען, אלץ זיכערער וועלן מיר קאנען זיין מיט דער פארזעצונג פון דער ראדיא שעה.

מיר בעטן אויך שרייבן צו אונז און צו דער סי. קיי. ווי., וועלכע נומערן אדער וועלכע אידישע טאלאנטן די צוהערער וואלטן באזונדערס געוואלט הערן.

## היגער אידישער תושב געשטארבן נעכטן פון פארגיפטונג

יוסף כאראך, 57 יאר אלט, א בארבער, פון 220 דאפערין עוועניו, איז געשטארבן נעכטן אין דזשענעראל האספיטאל, פיר שטונדען שפעטער נאכדעם ווי ער האט זיך פארגיפטעט מיט קארבאליק עסיד דורך אן אומגליקלאכן צופאל.

יוסף כאראך, א פארהייראטער מאן מיט א דערוואקסענער פאמיליע, איז נעכטן אינדערפרי געפונען געווארן אין א באוואוסטלאזן צושטאנד זיצנדיק אין א ביינקל אין זיין "בארבער שאפ" אין פראנט פון זיין היים. זיין פרוי און זיין ברודער יעקב כאראך, פון 228 דאפערין עוועניו האבן באלד געמאלדן דער פאליציי, און ער איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל אינם פאליציי אמבאלאנס.

זיינע ליפן און זיין האלז זיינען געווען שטארק צעברענט. ער איז די גאנצע צייט געלעגן אין א באוואוסטלאזן צושטאנד און ער האט זייער געליטן ביז ער איז געשטארבן.

דר. ה. מ. ספיטשלי און מיטגלידער פון דער נארט ענדער דיוויזיע פון דער שטאטישער פאליציי האבן געמאכט אן אויספארשונג, און זיי האבן באשלאסן, אז עס איז ניט נויטיק אים צו פאלמעסן.

די לויה קומט פאר מארגן (דאנערשטאג), 2 נ.מ., פון 220 דאפערין עוו.

—(::)—

### יונגער בחור געשטארבן

משה יצחק קאוואלסאן, זון פון מר. און מרס. מענדל קאוואלסאן, 560 סעלקירק עוועניו, איז געשטארבן לעצטן מאנטאג אין עלטער פון 17 יאר.

זיין לויה איז פארגעקומען נעכטן ביינטאג. א גרויסער עולם האט אים באגלייט צו זיין אייביקער רו. דער טויט פון דעם יונגן בחור האט געמאכט א שווערן איינדרוק אויף אלע פריינט און באקאנטע פון דער קאוואלסאן פאמיליע.

## פארמערס וואס זיינען געלאפן נארד ליידן ביטערע נויט

סאסקאטון, סאסק., דעצ. 2. — הילף ארבעט פאר געליטענע פארמערס דערגרייכט איצט די צפון סעקציעס פון דער פראווינץ. ניפאווין, 65 מייל צו מזרח פון פרינס אלבערט, קריגט א גרויסן טראנספארט קליידונג פון אנטעריא, און מעדאו לייק, 100 מייל צו צפון פון בעטלפארד, קריגט באלד א וואגאן פרוכט און גרינסען פון קענט קאונטי, אנטעריא.

ארום 2,400 פאמיליעס האבן אריבערגעוואנדערט לעצטן זומער פון די אויסגעטריקנטע געגנטן פון דרום סאסקאטשעוואן צום צפון, און אנדערע קומען נאך איצט אויך. א סך פון זיי האבן יארן לאנג געארבעט אין די דרום געגנטן, אבער איצט זיינען זיי געקומען מיט ליידיקע הענט און מוזן אנהויבן פון דאס-ניי.

די איבערוואנדערער, וואס געפינען זיך איצט אן מיטלען אין די צפון געגנטן, האט מען מורא, זאלן ניט דארפן שווער ליידן מיטן אנקום פון די קעלטערע חדשים. און אלע מיטלען מוזן אנגענומען ווערן צו באזארגן די איבערוואנדערער. א סך פון וועלכע האבן זיך באזעצט אין די פארווארפנסטע ווינקלאך, מיט שפייז און מיט קליידער.

## בעסערע אויסזיכטן אויף יאפאנעזיש-כינעזישן אויסגלייך

### ליגע ארבעט אויס א פלאן צו וועלכן ביידע צדדים, גלויבט מען, וועלן איינשטימען

פאריז, דעצ. 2. — פרידן צווישן כינע און יאפאן איז געווארן א ווארשיינלאכקייט נעכטן, נאכדעם ווי די 12 נייטראלע מיטגלידער האבן אנגעצייכנט א פרידן-פלאן, וואס איז אין פרינציפ אנגענומען געווארן פון כינע, און ער דארף בלויז גוטגעהייסן ווערן פון טאקיא. ער זאל איינשטימיק אנגענומען ווערן.

דער תמצית פונם פלאן איז די גרינדונג פון אן אינטערנאציאנאלער אויספארשונג קאמיסיע. דער שוואכער פונקט פון דעם פלאן, וואס שטערט יאפאנס צושטימונג צו אים, איז דאס וואס ער אנערקענט ניט יאפאנס רעכט אנצונעמען מיליטערישע מיטלען קעגן באנדיטן אין מאנדזשוריע.

דער פלאן איגנארירט אבער אויך כינעס פאדערונג וועגן באשטימען א צייט פאר יאפאנס מיליטערישער עוואקואציע פון מאנדזשוריע. כדי אפצומאכן פאר אט די צוויי פעלערן, ווערט דערווארטעט, אז אריסטיד בריאן, פארזיצער פון דער ליגע, זאל פון איין זייט, אפעלירן צו ביידע צדדים פאר געמיינשאפטלאכער ארבעט אין אונטערדריקן באנדיטיזם, און, פון דער צווייטער זייט, אויפאדערן יאפאן צו רעדוצירן איר טרופן וואס שנעלער.

די מיטגלידער פונם ראט ארבעטן איצט אויך אויף די איינצעלהייטן וועגן גרינדן א נייטראלע זאנע אין מאנדזשוריע.

מוקדען, דעצ. 2. — אין דער היגער יאפאנעזישער הויפט-קווארטיר ווערט באהויפטעט, אז א געפערלאכע לאגע עקזיסטירט אין ציציהאר, וואוהין עס מארשירן דריי טויזנט מענשן פון האילון. טאקיא גלויבט, אז גענעראל מא טשאנשאן פלאנעוועט אן אפענסיווע אויף ציציהאר, גלויבנדיק, אז די פאר איניקע שטאטן שטיצן כינע.

—(::)—

## איד. פרוי פארוואונדעט אין עקסידענט

מרס. שרה טשערניאק, 48 יאר אלט, פון 551 אבערדין עוועניו, איז נעכטן אומגעווארפן געווארן פון אן אויטאמאביל אויף סעלקירק עוועניו, ארום ענדריוס סטריט. דער דרייווער פונם אויטאמאביל איז געווען בארקלעי מאנטגאמערי, סוויט 2 פליטוואוד אפארטמענטס, וועסטמינסטער עוועניו.

מרס. טשערניאק איז באלד אפגעפירט געווארן אין סט. דזשאזעפס האספיטאל וואו עס איז אויסגעפונען געווארן, אז זי איז לייכט פארוואונדעט געווארן. איר לאגע איז ניט ערנסט.

## בראווע אידיש-ענגלישע לופט-פליערן קומט צוריק אהיים פון דרום-אפריקע, מיטבריינגענדיק צוויי יונגע לייבן

פעגי סאלאמאן

סאוטהעמפטאן, ענג., דעצ. 2. — פעגי סאלאמאן, די 19 יאריקע אידישע טשעמפיאן לופט פליערן, וועלכע האט געבראכן אלע רעקארדס דערגרייכנדיק אויף איר עראפלאן דרום-אפריקע פון לאנדאן אין 25 שעה צייט, — איז געקומען אהיים מיט א שיף, און זי האט מיט זיך געבראכט ווי אן אנדיינק צוויי יונגע לייבן.

די לייבן האט זי געקראגן א מתנה פון אירע באוואונדערער אין בריטישער מזרח אפריקע, און זי האט זיי געבראכט אין שטאלענע גראטעס.

די ערשטע צו באגריסן זי איז געווען איר מוטער, מרס. עלקין-סאלאמאן, וועלכע האט עס געגעבן איר טאכטער דעם עראפלאן מיט וועלכן זי האט געשלאגן איר רעקארד. דער מעיאר פון סאוטהעמפטאן האט איר געגעבן א שטאטישע אויפנאמע, און די בריטישע לופט פליער פלאנעווען פאר איר א באזונדער פייערלאכן קבלת-פנים.

מיס סאלאמאן, באגלייט פון א פילאט, איז אפגעפלויגן קיין קאפשטאט פון לאנדאן אקט. 30טן, און זי איז אנגעקומען קיין קאפשטאט נאוו. 5טן, זייענדיק פאקטיש אין דער לופטן בלויז 25 שעה. זי איז געפלויגן דורך אטענס, קאירא, כארטום און קימבערלי, און זי איז געווען געצוואונגען צו לאנדן אין ראודעזיא. די רייזע, זאגט זי, איז געווען "די נאענטסטע ענלאכקייט צו גיהנום אין איר דערפארונג". אזויפיל צרות איז איר אויסגעקומען אויסצושטיין אין די עטלאכע טעג.

ס'איז ניט שווער צו געווינען איינעם פון אונזערע

**$1,500**

אין פרייזן, אין אונזער נייעם, גרעסטן סירקולישאן קאמפיין
פאר

**"א 'אידיש ווארט' אין יעדער אידישער היים אין מערב קאנאדע"**

א סך פרייזן אין מזומן געלט (ערשטער פרייז $360), ראדיאס, און צענדליקער און צענדליקער אנדערע ווערטפולע חפצים, — צוזאמען הונדערטער פרייזן אין צאל, וועלן אוועקגעגעבן ווערן.

**איר קאנט גארנישט ניט פארלירן, און איר זייט זיכער צו געווינען**

THE ISRAELITE DAILY PRESS
165 Selkirk Ave. — Winnipeg

פאלגט נאך אונזערע ווייטערדיקע אנאנסן.

## וועב מעגלאכער קאנדידאט פאר פראווינציעלן פארלאמענט

עס ווערט באהויפטעט, אז אין די היגע קאנסערוואטיווע קרייזן באטראכט מען ערנסט די פראגע וועגן ארויסשטעלן מעיאר ראלף וועב ווי א קאנדידאט פאר דער פראווינציעלער לעגיסלאטור, אין די וואלן וואס דארפן דורכגעפירט ווערן קומענדיקן זומער. דער קאנסערוואטיווער פירער, קאל. טיילאר, ווערט פארשטאנען, איז שטארק גענייגט צו דעם פלאן, באזונדערס איצט, נאך זיין ווידערערוויילונג צום מעיאר אמט מיט אזא ריזיקער מאיאריטעט.

די מייסטע קאנסערוואטיוון גלויבן, ווערט געזאגט, אז מעיאר וועב וועט קאנען ספראווען זיך מיט זיינע ביידע פליכטן.

עס ווערט גלייכצייטיק געשמועסט, אז פרעמיער בראקענס שטיצער פארטראכטן זיך זייער ערנסט אויף דער פראגע פון רעגירונגס קאנדידאטן אין וויניפעג. עס ווערט באהויפטעט, אז די רעגירונג נעמט אין אנבאטראכט די פארשיידענע נאציאנאלע עלעמענטן אין שטאט און זייערע אמביציעס צו זיין פארטראטן דורך אייגענע מענשן אין די געזעצגעבערישע קערפערשאפטן.

—(::)—

## נאך א דעמאקראט דערוויילט אין רעפרעזענטאנטן הויז

עליזאבעט, נ. דזש. דעצ. 2. — פערסי ל. סטיוארט, דעמאקראט און קעגנער פון פראהיבישאן, איז דא דערוויילט געווארן צום קאנגרעס פון פינפטן קאנגרעס דיסטריקט מיט א מערהייט פון אן ערך אנדערהאלבן טויזנט. ער האט געקראגן 30,975 שטימען, צו 29,313 פאר זיין קעגנער, ד. מעקליין, רעפובליקאנער.

דער דאזיקער דיסטריקט איז געווען ביז איצט איבערוועגנדיק רעפובליקאנער, און דער לעצטער פארטרעטער, אלעקסאנדער אקערמאן, וועלכער איז געשטארבן אין מיטן טערמין, האט געצויגן א רעפובליקאנער מערהייט פון 35 טויזנט.

די "פראהיבישאן" פראגע איז באריהרט געווארן אין דעם וואל קאמפיין, אבער ביידע קאנדידאטן האבן צוגעזאגט צו קעמפן פאר דער צוריקציאונג פון דעם "פראהיבישאן" געזעץ. דער פריערדיקער רעפרעזענטאנט פון דעם דיסטריקט איז געווען א "טרוקענער".

—(::)—

## פראפ. קונץ אין עדמאנטאן מאנטאג

עדמאנטאן, אלטא., דעצ. 2. — פראפעסאר טשארלס קונץ וועלכער האט פארבראכט א לענגערע צייט אין בירא בידזשאן און האט זיך איצט צוריקגעקערט פון סאוועטן פארבאנד, וועט דא האלטן א לעקציע וועגן אידישער קאלאניזאציע מאנטאג, דעם 7טן דעצעמבער, 8.30 אוונט אין ארבעטער רינג זאל, אונטער אויפזיכט פון דעם עדמאנטאנער איקאר קאמיטעט.

פראפעסאר קונץ, פון קאליפארניער אוניווערסיטעט, האט גענוי שטודירט די מעגלאכקייטן פון אידישער קאלאניזאציע אין בירא בידזשאן, און דער איקאר קאמיטעט בעט אלעמען צו קומען הערן וואס דער עקספערט אויף דעם געביט האט צו זאגן וועגן דער דאזיקער פראגע.

—(::)—

## בעטן שטיצע פאר שיקאגער ישיבה, וואס געפינט זיך אין נויט

מיר האבן געקראגן די פאלגנדיקע טעלעגראמע פון בית-מדרש לתורה פון שיקאגא:

"דער בית-מדרש לתורה, די שטאלץ און האפענונג פון אמעריקאנער אידנטום, איז אין דער שווערסטער נויט. די וואס האבן געהאלפן בויען די אינסטיטוציע, האבן אויף זיך דעם חוב איצט ניט לאזן זי פאלן. אונזער פעלדסעקרעטאר, דר. א. לאבעל, פון דעיטאן, אהייא, איז איצט אין וויניפעג, און מיר בעטן דרינגענד צו העלפן אים אין זיין מיסיע צו רעטן די אינסטיטוציע".

—(::)—

טיענטסין, דעצ. 2. — א יאפאנעזישער רעגימענט איז נעכטן אנגעקומען אהער און האט זיך אפגעשטעלט אין דער ענגלישער קאנצעסיע, ביז ער וועט קריגן באפעלן איינצוקווארטירן זיך אין דעם יאפאנעזישן קווארטאל פון שטאט.

## טריידס קאונסיל פארדאמט האנדלונג פון היגע סטודענטן

די האנדלונג פון דעם סטודענטן פארבאנד פון מאניטאבער אוניווערסיטעט, וואס האט אפגעגעבן דעם קאנטראקט צו מאכן גראדוירונגס-פאר יאר בוך צו א פירמע וואו, ווי עס ווערט באהויפטעט, א סטרייק גייט אן, איז שארף קריטיקירט געווארן אויף דער נעכטיקער זיצונג פון דעם טריידס און לייבאר קאונסיל.

די סטודענטן, ווערט באהויפטעט, זיינען געווארנט געווארן אז א סטרייק גייט אן אין יענער פירמע זינט מאי, אבער דאס האט אויף זיי ניט געווירקט. דער סטודענטן פארבאנד, האט איינער פון די רעדנער באהויפטעט, ווערט אנגעפירט פון א קליקע פון זינדלאך פון רייכע עלטערן, וועלכע האבן א רעאקציאנערע שטעלונג צו דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט.

דער פארשטייער פון דער גראווירערס יוניאן האט דערציילט, אז די ווארנונג האט ער געגעבן ניט בלויז צו די סטודענטן, נאר ער האט זיך אויך געווענדעט צום פרעזידענט פון אוניווערסיטעט און צום פראווינציעלן ארבעטס מיניסטער, אבער דער פארשטייער פון די סטודענטן, דער רעדאקטאר פונם בוך, איז געווען אומבאדינגט צו גונסטן פון דער דאזיקער פירמע.

## ווען קירצלאך אויפפירן שלום-עליכמס קאמעדיע

ב. שעפס

צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון היגן אידישן טעאטער, וועט דא קירצלאך אויפגעפירט ווערן שלום-עליכם'ס קאמעדיע "יקנה"ז" (אדער "דער קראך"), וואו עס ווערט געשילדערט אויף א שלום-עליכמ'דיקן אופן א בערזע קראך, וואס איז זייער ענלאך צום קראך אויף וואל סטריט, נאטירלאך אויף א אידישלאכן אופן.

א גרויסער אנסאמבל פון 25 וויניפעגער בעסטע אידישע דראמאטישע קרעפטן אונטער דער רעזשי פון ב. שעפס, שטודירט שוין איצט די פיעסע וואס וועט גאר קירצלאך אויפגעפירט ווערן. מער איינצלהייטן וועלן באלד אנאנסירט ווערן.

## וויכטיקע קרעפטן ביי קאנצערט קומענדיקן זונטאג

דער מוטער פאראיין פון ארבעטער רינג פרייהייט טעמפל שול בעט אונז צו מעלדן, אז זיי איז געלונגען צו קריגן דעם קאנצערט קווארטעט פון ראיאל אלעקסאנדרא האטעל, וועלכער וועט שפילן איניקע נומערן ביי זייער קאנצערט וואס וועט פארקומען זונטאג, דעצעמבער 6טן, 8.30 אוונט אין פרייהייט טעמפל.

אינם קווארטעט שפילן לואיס טירבאלט, קאטרין ריגנאלד, דזשיימס סיירס און סעם מעדזאן. אויסער דעם קווארטעט וועלן אויך געגעבן ווערן אנדערע אינטערעסאנטע און אמוזירנדיקע נומערן, לויט דעם קאמיטעט וועלכער דאס האט אויפגעבויט אויפן קאנצערט.

## אינדישע דעבאטע הייבט זיך היינט אן אין פארלאמענט

לאנדאן, דעצ. 2. — פרעמיער ראמזי מאקדאנאלד, וועלכער האט נעכטן געשלאסן די אינדישע "רונדער טיש" קאנפערענץ, וועט היינט פארלייגן פארן פארלאמענט די באשלוסן פאר זיין גוטהייסונג. די אנגעצייכנטע פאליטיק איז — פעדעראלע זעלבסטפארוואלטונג פאר אינדיע, מיט געוויסע פארזיכערונגען פאר ענגלאנד פון אן איבערגייענדיקן כאראקטער.

די אינדישע דעבאטע וועט אנהאלטן ביז מארגן, ווען דאס לארדן הויז וועט אויך דיסקוטירן די פראגע. די רעגירונג ווערט דערווארטעט, וועט קריגן די גוטהייסונג פון פארלאמענט מיט אן איבערוועלטיקער מערהייט. עס ווערט אבער דערווארטעט, אז די קאנסערוואטיווע עקסטרעמע "דאי-הארד" עלעמענטן זאלן שארף אטאקירן דעם אפמאך, וואס גייט, אין זייער מיינונג, נאך ווייטער ווי די פאליטיק פון דער ארבעטער רעגירונג אנגעצייכנט מיט עלף חדשים צוריק, קעגן וועלכער זיי האבן אויך אויסגעזעצט.

באזונדער אויפמערקזאמקייט ווערט איצט געשענקט צו מאהאטמא גאנדי און זיין ענדגילטיקע שטעלונג צום אפמאך וואס איז דערגרייכט געווארן ביי דער קאנפערענץ. א דערקלערונג פון אים ווערט דערווארטעט היינט, און ס'איז דא א קליינע האפענונג, אז זי זאל זיין פאר פרידן.